**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 06/10/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול מעלדט געלטער צו פארברייטערן בראנקס מאטערנאל העלטקעיר צענטער און נעמט שריט צו פארמערן צוטריט צו הייבאמעס.

***$8 מיליאן דאלאר קאפיטאל פארפליכטונג צו פארברייטערן העלטקעיר קליניק מיט אלץ-ארייננגערעכנט און אינטעגריטעטער פראגראמירונג, ארייננגערעכנט א מאטערנאל געזונט צענטער פון אויסצייכענונג***

***נייע באויפטראגע ארויסגעגעבן דורך NYS קאמיסיאנער פון געזונט פארברייטערט צוטריט צו הייבאמע סערוויסעס לענגאויס די סטעיט***

***רונדע-טיש איבערשמועס טוט אינטערשטרייכן ניו יארק'ס ערשטע-פון-פאלק פרינאטאל באצאלטע אורלויב פראגראם און פרישע פאליסי צו פארמינערן קאסט פון פרינאטאל קעיר פאר איבער א מיליאן נידריג-איינקונפט ניו יארקער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אן $8 מיליאן דאלאר קאפיטאל פארפליכטונג צו העלפן שטיצן א פראיעקט צו פארברייטערן א מאריס הייטס העלטקעיר קליניק וואס וועט פארמאגן אלץ-ארייננגערעכנט און אינטעגריטעטער פראגראמירונג, און א מאטערנאל געזונט צענטער פון אויסצייכענונג. די גאווערנער האט געמאלדן די נייע געלטער בשעתן אנפירן א רונדע-טיש מיט בראנקס בארא פרעזידענט וואנעסא גיבסאן, וואס האט ארייננגענומען אנדערע עקלעקטירטע באאמטע און סטעיקהאלדערס צו איבערשמועסן אנגייענדע עפארטן צו פארבעסערן יונגע און מאטערנאל העלטקעיר איבער די סטעיט און מאכן פרינאטאל קעיר מער צוטריטלעך און צוגענגליך פאר ניו יארקער. די גאווערנער האט עמפיזירט די וויכטיגקייט פון פאראויסריקן די עפארטן אין די בראנקס, וואס האט א טייל פון די העכסטע פיצעלעך און מאטערנאל טויט ראטעס אין ניו יארק סטעיט.דורכאויס די רונדע-טיש, די גאווערנער האט אויך געמאלדן אז די סטעיט געזונטהייט קאמיסיאנער, דאקטאר דשעימס מקדאנעלד האט ארויסגעגעבן א [באויפטראגע](#) וואס וועט פארברייטערן צוטריט צו וויכטיג-געדארפטע הייבאמע סערוויעס פאר מאמעס איבערן סטעיט. גאווערנער האקול האט אויך אינטערגעשטראכן אז ניו יארק איז יעצט דאס ערשטע שטאט אין לאנד צו מאכן באצאלטע אורלויב פראגראם פאר פרינאטאל קעיר. ניו יארק האט אויך געמאכט פרינאטאל קעיר צוגענגליך פאר איבער א מיליאן נידריג-איינקונפט איינוואוינער דורכן עלימינירן ארויס-פון-טאש קאסטן פאר געוויסע שוואנגערשאפט-פארבינדענע בענעפיטן פאר ניו יארקער אויף עסענשל פלאן אדער קוואליפייד געזונטהייט פלענס.

"אלץ ניו יארק'ס ערשטע מאמע גאווערנער, קעמפען די פיצעלעך און מאטארנעל טויט ראטע קריזיס איז פערזענליך פאר מיר," **גאווערנער האקול האט געזאגט.** "זיין שוואנגעריג דארף נישט זיין קיין טויט אורטייל. מיין אדמיניסטראציע מאכט פרינאטאל קעיר מער צוטריטלעך און צוגענגליך פאר מיליאנער ניו יארקער, און אונז גיין ווייטער ארבעטן יעדן טאג צו שטיצן געזונטע שוואנגערשאפטן פאר פאמיליעס לענגאויס אונזער סטעיט."

אנדערע באטייליגער ביי די רונדע-טיש האט אריינגערעכנט מאריס הייטס געזונטהייט צענטער פרעזידענט און CEO מארי מילעט, אקטיוויסט ברוס מקאינטערע III, בראנקסווארקס CEO איילין טאררעס, בראנקס ווידער-געבורט קאלעקטיוו ארבטער ניקאל דשיין באפטיסטע און עוועלין אלווארעז, צפון מאנהאטען פערינאטאל פארטנעשיפ צענטער מאדאלינע דארוואל, קאונסילמעמבער פועריענע סאנכעז, אסעמבלימעמבער יודעלקא טאפיא און דעפוטי בראנקס בארא פרעזידענט דשאנעט פעגוערא.

א CDC באריכט האט לעצטנס געטראפן אז אין 2021 די פיצעלעך טויט ראטע נאציאנאל איז געווען 5.4 טויטפעלער פאר 1,000 לעבעדיגע געבורטס. אין 2021, אומגעפער 20,000 פיצעלעך זענען געשטארבן אין די פאראייניגטע שטאטן, מיט די פירענדע אורזאך זייענדיג געבורט דיפעקטעס, פרי געבוירן און נידריג געבורט וואג קאמפליקאציעס, פולצומדיגע פיצעל טויט סינדראום, וואונדן און מאטערנאל שוואנגעריג קאמפליקאציעס. א [באריכט](#) פון די קאמאנוועלט פאנד האט געטראפן אז אין 2022 עס זענען געווען אומגעפער 22 מאטערנאל טויטפעלער פאר יעדער 100,000 לעבעדיגע געבורטפעלער אין די U.S. מיט שווארצע פרויען האבענדיג די העכסטע טויטפעלער ראטעס.

**געלטער צו פארברייטערן מאטערנאל העלטקעיר ביי מאריס הייטס געזונטהייט צענטער**

גאווערנער האקול האט געמאלדן אן $8 מיליאן דאלאר קאפיטאל פארליכטונג צו מאריס הייטס געזונטהייט צענטער. די געלטער וועט ערלויבן מאריס הייטס געזונטהייט צענטער צו פארברייטערן איר בעלטקעיר סערוויסעס אין יוניווערסיטי הייטס, אריינגערעכנט א מאטערנעל העלטקעיר צענטער פון אויסצייכענונג. די פראיעקט וועט העלפן פארמערן צוטריט צו צוגענגליכע הויכע קוואליטעט העלטקעיר פאר לאקאלע איינוואוינער און פארבעסערן געזונטהייט אויסגענג פאר פארנאכלעסיגטער פאציענט געמיינדעס.

מאריס הייטס געזונטהייט צענטער ספעציעליזירט אין שטיצן אויסגעשטעלטע סוב-פאפולאציעס, א שטייגער ווי אינדיווידואלן וואס לעבן מיט HIV, שוואנגעריגע פרויען מיט סאציא-עקאנאמישע שוועריגקייטן, מענטשן מיט כראנישע קראנקייטן אריינגערעכנט אומקאנטראלירטע דיאביטיס, עלטערע ערוואקסענער מיט קאמארבידיטיעס, און יוגענטליכער מיט פסיכא-סאוציאלע זארגן.  די צענטערס מאטערנעל העלטקעיר סערוויסעס רעכענט אריין א הייבאמע מאדעל פון קעיר, ספעציעלע סופלעמענטל נוטרישאן פראגראם פאר פרויען, פיצלעך, און קינדער (Women, Infants, and Children, WIC), און די מאטערנעל געזונטהייט און האפענונג קאליציע.

**פארברייטערן צוטריט צו הייבאמעס**

היינט, די סטעיט קאמיסיאנער פון געזונטהייט האט ארויסגעשטעלט א לעגאויס די סטעיט [באויפטראגע](#) פאר הייבאמע סערוויסעס, פארברייטערנדיג צוטריט פאר אלע מאמעס. די באויפטראגע - פארשיכערט דורך גאווערנער האקול אין די פיסקאל יאר 2025 אויסגעפירטע בודשעט - וועט ערלויבן מער ניו יארקער צו האבן צוטריט צו הייבאמע קעיר ווייל א רעקאמענדאציע פאר הייבאמע סערוויסעס איז פארלאנגט צו קענען זיין בארעכטיגט פאר מעדיקעיד דעקונג. די באויפטראגע וועט דינען אלץ די רעקאמענדאציע. די באויפטראגע וועט אויך גרינגער מאכן פאר מאמעס איינגעשריבן אין אנדערע געזונטהייט פלענס צו האבן צוטריט צו הייבאמע קעיר. הייבאמעס שטעלן צו פיזישע, עמאציאנאלע, באלערענדע און נישט מעדיקאלישע שטיצע פאר שוואנגעריגע און נאך-געבורט מאמעס פאר, בשעת און נאך געבוירן.

טראץ אנגייענדע עפארטן צו פארמינערן מאטערנאל טויט ראטעס, ספיציעל צווישן ראסישע און עטנישע מינאריטעטן, די ראטע פון שוואנגעריגקייט-פארבינדענע טויטפעלער איז נאכאלץ פיל צו הויך אין ניו יארק סטעיט, ספיציעל צווישן שווארצע מאמעס וואס געבוירן. פון מארטש 1, 2024, ניו יארק סטעיט מעדיקעיד דעקט [הייבאמע סערוויסעס](#)  פאר שוואנגעריגע, געבוירענדיגע און נאכן געבורט מאמעס. צו שטיצן צוטריט צו סערוויסעס, די דיפארטעמנט האט א [דירעקטארי פון הייבאמעס](#) איינגעשריבן

צוצושטעלן געדעקטע סערוויסעס צו מעדיקעיד מעמבערס, איינשטימיג צו לעגיסלאציע אינטערגעשריבען פאראיאר דורך גאווערנער האקול. אין צוגאב, די הייבאמע פארברייטערונג גרענט פראגראם, פארזיכערט אין די פיסקאל יאר 2025 איינגעפירטע בודשעט וועט ערלויבן די דיפארטמענט צו שענקן $250,000 צו געמיינדע-באזירטע ארגענעזאציעס פאר די אויפנאמע, טרענירונג סערטיפיקאציע, שטיצע און/אדער מענטארינג פון געמיינדע-באזירטע הייבאמעס.

לעיבאר און געבורט קען פארשטעלן א הויכע מעדיקאלישע ריזיקע צו שוואנגעריגע פרויען און זייער נייגעבוירענער. הייבאמע סערוויסעס וועט העלפן אדרעסירן די לענגאויס די סטעיט קריזיס פון ראסיאלע און איינקונפט-באזירטע מאטערנאל געזונטהייט אונטערשידן דורך צושטעלן קולטורישע געאייניגטע און קאמפריהענסיוו סאושעל, עמאציאנאלע און פיזישע שטיצע צו קליענטן דורכאויס די פרינאטאל, געבורט, ענדע פון שוואנגעריגקייט און פאסטפארטום צייטן.

**ערשטע-אין-פאלק פרינאטאל באצאלטע ערלויב**
דורכן פאדערן צו אויפשטעלן א באזונדערע 'באנק' פון קראנקהייט אורלויב ('סיק ליוו') פאר פרינאטאל קעיר, גאווערנער האקול האט פארזיכערט אז ניו יארק גייט ווייטער פון סיי וועלכע אנדערע סטעיט צו זיכער מאכן אז טראגעדיגע פרויען קענען באקומען די נויטיגע העלט קעיר צו האבן פאזיטיווע געזונטהייט אויסגענג פאר די מאמע און קינד אן איינשטעלן די דזשאב.

ווען די פאליסי גייט אין קראפט אופ יאנואר 1, 2025, ארבייטער וועלן באקומען נאך 20 שעה פון באצאלטע קראנקהייט אורלויב פאר פרינאטאל קעיר, אין צוגאב צו די עקזיסטירנדע קראנקהייט אורלויב.

די איניציאטיוו בויט אויף גאווערנאר האקול'ס פריערדיגע שריט צו שטיצן נייע עלטערן און פארבעסערן מאטערנל געזונטהייט אויסגענג. די פיסקל יאר 2024 איינגעפירט בודזשעט האט אוועקגעשטעלט 12 וואכן פון באצאלטע עלטערן אורלויב בענעפיטן פאר איבער 80 פראצענט פון די סטעיט ארבעטסקראפט און פארברייטערן פאסט-פארטום דעקונג פאר ביז א גאנצע יאר פאר מעדיקעיד און טשיילד העלט פלאס איינגעשריבענע.

**עלימינירן אייגענע-טאש קאסטן**
אלץ טייל פון די פיסקאל יאר 2025 אויסגעפירטע בודשעט, די גאווערנער האט גענומען שריט צו עלימינירן קאסט-שעירינג פון געוויסע שוואנגערשאפט-פארבינדענע בענעפיטן, א שטייגער ווי פרינאטאל און פאסט-פארטום באזוכן, פאר די וואס זענען איינגעשריבן אין די סטעיט'ס עסענשל פלאן אדער קוואליפייד העלט פלענס.

די עסענשעל פלאן דעקט מער פון 1 מיליאן נידריג-איינקונפט ניו יארקער, צושטעלענדיג קאמפריהענסיווע בענעפיטן מיט $0 מאנאנטליכער פרימיום'ס, קיין דידאקטיבל און נידריג-קאסט שעירינג. עס רעכנט אויך אריין אומזיסטע פארמיידנדע קעיר, אויגן דאקטוירים פאר ערוואקסענע און צאן דאקטוירים אן קאָו-פעיס.

בארעכטיגקייט פאר די דענשעל פלאן איז געווען באגרעניצט צו ניו יארקער מיט איינקונפט איבער מעדיקעיד שטאפלען און ביז 200 פראצענט פון FPL ($30,000 יערליכע איינקונפט פאר אן אינדיווידואל). אבער דורך די לעצטיג באשטעטיגטע 1332 סטעיט אינאוואציע וועיווער, די עסענשעל פלאן איז פארברייטערט געווארן צו אריינעמען ניו יארקער מיט איינקונפט ביז 250 פראצענט פון די FPL ($37,650 יערליכע איינקונפט פאר אן אינדיווידואל), מאכענדיג די פראגראם עווילעבל צו נאך 100,000 ניו יארקער איינמאל גענצליך אימפלימענטירט. די רעכנט אריין באלד 70,000 ניו יארקער איינגעשריבן אין קוואליפיצירטע געזונטהייט פלענער וואס וועלן יעצט זיין בארעכטיגט פאר ערנסט מער

צוגענגליכע דעקונג דורך די עסענשעל פלאן, 12,000 DACA אינדיווידואלן יעצט איינגעשריבן אין מעדיקעיד/CHפלאס, און אומגעפער 20,500 ניו יארקער וואס האבן יעצט נישט קיין אינשורענס.

**ניו יארק סטעיט געזונטהייט קאמיסיאנער דאקטאר דעימס מקדאנאלד האט געזאגט,** "פארברייטערן צוטריט צו מעגליכע לעבענס-רעטענדיגע רעסארסן, ווי הייבאמע סערוויסעס, קענען העלפן פאראויס ריקן געזונטהייט גלייכקייט. צום באדויערן, עס איז נאכאלץ דא געזונטהייט אונטערשידן אין מאטערנאל געזונטהייט. שווארצע פרויען וואס געבוירן זענען מער אויסגעשטעלט צו שטארבן פון שוואנגערקייט פארבינדענע קאמפליקאציעס ווי ווייסע פרויען וואס געבוירן, און דעס איז אומאקצעפטירבאר. די דיפארטמענט, מיט שטיצע פון גאווערנער האקול, בלייבט פארפליכטעט צו אדרעסירן מאטערנעל געזונטהייט און ערלימינירן שטרויכלונגען אין העלטקעיר אזוי אז אלע מענטשן וואס געבוירן האבן זיכערע שוואנגערקייטן און געבוירט."

**אסעמבלימעמבער יודעלקא טאפיקא האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס 8$ מיליאן דאלאר אינוועסטירונק אין בי וועל @ מאריס הייטס געזונטהייט צענטער, א פרישע אינטערגירטע געזונטהייט צענטער אין די בראנקס, איז עדות צו איר פארפליכטונג צו פארבעסערן מאטערנעל געזונטהייט און פארזיכערן די געזונטהייט פון פארנאכלעסיגטע געמיינדעס. די מאריס הייטס געגענט און ארומיגע געגענטער ליידן פון ערנסטע מאטערנאל און קינד געזונט אונטערשידן אריינגערעכנט הויכע ראטעס פון שפעטער אדער קיין פרינאטאל קעיר און טיען געבוירט. די 62,000 קוואדראט פוס פאציליטעט וועט צושטעלן קאמפריהענסיווע קעיר צו פארנאכלעזיגטע פאמיליעס און וועט דינען איבער 48,000 אינדיווידואלן יערליך. מיט די גאווערנער'ס אינוועסטירונג, אונז שטעלן א פרישע סטאנדארט פאר געזונהייט גלייכקייט אין ניו יארק סטעיט."

**NYC קאונסילמעמבער פיערינע סאנכעז האט געזאגט,** "עס איז א מאראלישע פליכט צו פארמאכן די אונטערשיד אויף שווארצע מאטערנאל טויטראטעס, און עס איז מעגליך צו עררייכן מיט ריכטיגע פאליסי און אינוועסטירונגען, א שטייגער ווי די וואס גאווערנער האקול מעלדט היינט. איך בין שטאלץ צו שטיין מיטן גאווערנער צו מעלדן געלטער וואס וועט פארברייטערן מאטערנאל געזונטהייט סערוויסעס אין א שפאגל-נייע אינטערגריטע וועלנעס צענטער אין מאריס הייטס געזונטהייט צענטער ( Morris Heights Health Center, MHHC) אין וועלכע מיין אפיס און ספיקער אדריענע אי. עדעמס האט אינוועסטירט 7$ מיליאן דאלאר. איך בין אויך שטאלץ צו שטיצן די באויפטראגע פאר הייבאמע צוטריט און NYS'o באצאלטע פאמיליע אורלויב פראגראם, געבענדיג די פילע שטרויכלונגען אדער איינפאכע צוריקווייז פון לעבענסרעטונג געלעגנהייטן פון האבן א הייבאמע ביי אונזערע זייט אין אונזער שענסטע און מערסט אויסגעשטעלטע מאמענט פון געבוירט, מיך אריינגערעכנט. איך בין גאר פריילעך מיט די היינטיגע מעלדונגען און קוק ארויס צו וויטערדיגע ארבעט אויף פאליסיס וואס וועט פארברייטערן צוטריט צו אינסטיטושענעל און געמיינדע אומגעבונג מידווייפערי אויך."

**בראנקס בארא פרעזידענט וואנעסא ל. גיבסאן האט געזאגט,** "ווען מען אנאלאזירט די פראבלעמען ארום מאטערנאל טויטראטעס, עס איז קלאר אז עס איז פארהאנען א מאטערנאל געזונטהייט קריזיס וואס טוט אומגלייכערהייט אפעקטירן שווארצע מאמעס אין אונזער בארא. צו קענען אפעקטיוו אדרעסירן די פראבלעם, אונז טוהן עלימינירן שטרויכלונגען וואס האלטן אפ אונזער איינוואוינער פון באקומען קולטוראל סענסיטיוו, פאציענט-באזירטע קעיר וואס איז אנגעשפיצט צו זייער אייגענארטיגע געברויכן און ליידיג פון בייעס און ראסיזים וואס האט נאכגעפאלגט אין די פארמיידבארער טויט פון צופיל שוואנגעריגע פרויען. איך וויל דאנקען גאווערנער האקול פאר איר קאפיטאל איינוועסטירונג אין א נייע מאטערנאל געזונטהייט צענטער פון אויסגעצייכענטקייט, איר לעגיסלאציע וואס שאפט א סטעיט דירעקטארי פון הייבאמעס און פארן אלאקירן 4.5$ מיליאן דאלאר צו שטיצן די סטעיט'ס ראיאנישע פרינאטאל צענטערס, צוצושטעלן הויכע-שטאפל פרינאטאל און פיצעל קעיר לענגאויס אונזער סטעיטט. צוזאמען, מיט אונזער מיטארבעטער אין גאווערמענט, מאטערנעל געזונהייט קאנסארטיום און געבוירט אדוואקטן, אונז זענען

פארפליכטעט צו שטיצן געזונטע שוואנערקייטן און פארבעסערן אונזער בארא'ס געזונטהייט אינפרוסטרוקטאר."

**מאריס הייטס געזונטהייט צענטער פרעזידענט און CEO מארי מילעט האט געזאגט,** "אונז זענען גאר דאנקפול צו גאווערנער האקול פאר עס מאכן מעגליך פאר אונז צו פארברייטערן פיל-געדארפטע מאטערנאל העלטקעיר סערוויסעס פאר די בראנקס געמיינדע. בשעת די בראנקס מיטשעט זיך נאך אלץ מיט אומגלייכע געזונטהייט אויסגענג, אונזער טיעם איז פאקוסירט אויף צוגיין צו די פראבלעם מיט אן אינטערגראטיווע קוק ווינקל. דורכן פארגרעסערן אונזער פאציליטעטן און סערוויסעס, אונז וועלן זיין בעסער אויסגעשטעלט צו אפגעבן פאר אונזער געמיינדע דורך א קאמבינאציע פון הויך-קוואליטעט מעדיציניש אויסגעצייכנטקייט און שטיצע סערוויסעס וואס אדרעסירן אלע סאושעל טרייבענדקייט פון געזונט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן